# פערטאָסיס (וואהפינג הוסט): אפט געפרעגטע פראגן

**וואס איז פערטאסיס?**
פערטאסיס, וואס איז אויך באקאנט אלס וואהפינג הוסט, איז א העכסט אנשטעקיגע באקטעריע קראנקהייט. עס פאראורזאכט א הוסט וואס קען אנהאלטן עטליכע מערערע וואכן, אפילו מאנאטן.

**ווער באקומט פערטאסיס?**
מענטשן קענען באקומען פערטאסיס אין יעדן עלטער. קינדער וועלכע זענען יונג צו זיין פולשטענדיג וואקסינירט און די וואס האבן נישט באקומען אלע וואקסינאציעס האבן די העכסטע ריזיקע פאר ערנסטע קראנקהייט. זייט די 1980'גער יארן, האט זיך די צאל באריכטעטע פערטאסיס פעלער שטאפל-ווייז געהעכערט אין די פאראייניגטע שטאטן. אין 2014, זענען באריכטעט געווארן איבער 28,000 פערטאסיס פעלער אין די פאראייניגטע שטאטן, די העכסטע נומער זייט 1959. אין ניו יארק סיטי, יעדעס יאר צווישן 2008 און 2014, זענען אומגעפער 200 פעלער באריכטעט געווארן צום העלטה דעפארטמענט.

**ווי אזוי ווערט פערטאסיס צושפרייט?**
פערטאסיס ווערט געוויינליך פארשפרייט ווען אן אנגעשטעקטער מענטש הוסט אדער נוסט, אויסשטעלנדיג אנדערע צו אנגעשטעקטע שליים אדער טראפלעך.

**וואס זענען די סימפטאמען?**
פערטאסיס הויבט זיך געוויינליך אן מיט סימפטאמען אזוי ווי א פארקילונג. די פריע סימפטאמען קענען אנהאלטן איינס ביז צוויי וואכן און רעכענען געוויינליך אריין:

- רינעדיגע נאז
- נידריגע פיבער
- מילדע הוסט פון צייט צו צייט (קען זיין מינימאל אדער אפוועזנד אין פיצלעך קינדער)
- אפניע - אן אפשטעל ביים אטעמען (אין פיצלעך קינדער)

שפעטער, ערשיינען טראדיציאנאלע סימפטאמען פון פערטאסיס. דאס רעכנט אריין:

- פאראקסיזמס (אויסברוכן) פון פילע, שנעלע הוסטן, וועלכע ליידיגן אויס די לונגען, נאכגעפאלגט דורך א הויכע "וואהפ" ביים אריינאטעמען דערנאך.
- ברעכן
- ערשעפונג נאך הוסטן אויסברוכן

די הוסטן אויסברוכן אנגיין ביז 10 וואכן אדער מער. ביי צענערלינגען און ערוואקסענע, ספעציעל די וועלכע זענען געווען וואקסינירט, איז די "וואהפ" אפטמאל נישט אנוועזנד, און די אנטצינדונג איז אין אלגעמיין ווייניגער ערנסט.

**ווי שנעל נאכן ווערן אנגעשטעקט באווייזן זיך די סימפטאמען?**
סימפטאמען באווייזן זיך געוויינליך זיבן ביז 10 טעג נאכן זיין אויסגעשטעלט צו אן אנגעשטעקטן מענטש, אבער קענען זיך באווייזן אזוי שפעט ווי זעקס וואכן דערנאך.

**ווען און פאר ווי לאנג קען א מענטש פארשפרייטן פערטאסיס?**
מענטשן זענען אממערסטנס אנשטעקיג דורכאויס די פריע, "פארקילונג-ענליכע" שטאפל. א מענטש איז אנשטעקיג ביז דריי וואכן נאכן אנקום פונעם הוסט, אדער ביז פינף טעג נאכן אנהויבן אנטיביאטיק באהאנדלונג.

**טוט א געוועזענע אנטצינדונג פון פערטאסיס מאכן א מענטש איממיון?**
ניין - נישט א וואקסין און נישט א געוועזענע אנטצינדונג מיט פערטאסיס גאראנטירט *לעבנסלענגליכע* איממוניטעט. וויבאלד איממוניטעט פאלט נאך ארום פינף יאר נאך די לעצטע פערטאסיס וואקסין דאזע, איז מעגליך אז עלטערע קינדער, צענערלינגען און ערוואקסענע זאלן דארפן נאך וואקסין דאזעס.

**וואס זענען די קאמפליקאציעס וואס זענען פארבינדן מיט פערטאסיס?**
קאמפליקאציעס פון פערטאסיס טרעפן זיך אממערסטנס אין פיצלעך קינדער און קענען אריינרעכענען לונגען אנטצינדונג, אויער אנטצינדונג, סיזשור'ס, פראבלעמען אינעם נערוון סיסטעם און מח, און טויט. ארום האלב פון פיצלעך אונטער 1 יאר אלט וואס באקומען די קראנקהייט ווערן האספיטאליזירט.

**וואס איז די וואקסין פאר פערטאסיס?**
די וואקסין פאר פערטאסיס ווערט געגעבן אינאיינעם מיט די וואקסינען פאר דיפטעריע און טעטאנוס. עס זענען פארהאן צוויי וואקסינען צו באשיצן אנטקעגן פערטאסיס: איינס פאר קינדער אונטער 7 יאר אלט (דיפטעריע-טעטאנוס-עיסעליולער פערטאסיס וואקסין, אדער DTaP), און אן אנדערע פאר מענטשן וואס זענען 7 יאר און עלטער (טעטאנוס-דיפטעריע-עיסעליולער פערטאסיס וואקסין, אדער Tdap).

פיצלעך קינדער דארפן באקומען DTaP דאזעס ביי 2, 4,און 6 מאנאטן, און א פערטע דאזע צווישן 15 און 18 מאנאטן. קינדער דארפן באקומען א פינפטע "בוסטער" דאזע צווישן 4 און 6 יאר, בעפאר אנהויבן שולע. אויב א 7- ביז 10-יעריג קינד האט נישט באקומען אלע פון די רעקאמענדירטע DTaP וואקסין דאזעס, דארף א דאזע פון Tdap ווערן געגעבן בעפאר די 11- ביז 12-יאר אלט אונטערזוכונג.

צענערלינגען וואס גייען אין זעקסטע ביז צוועלפטע קלאסן ווערן פארלאנגט צו באקומען א Tdap בוסטער דאזע כדי אנצוהויבן שולע.

ערוואקסענע דארפן אויך באקומען די Tdap וואקסין; עס איז ספעציעל וויכטיג פאר די וואס זענען אין נאענטע בארירונג מיט פיצלעך אונטער 1 יאר אלט, אזוי ווי עלטערן, קעיר-געבער און העלטה קעיר ארבייטער. שוואנגערדיגע פרויען דארפן אויך באקומען די Tdap וואקסין, פארצוגליך דורכאויס שפעט אין די צווייטע אדער דריטע טרימעסטער (נאך 20 וואכן דזשעסטעישן און פארצוגליך צווישן 27 און 36 וואכן). וואקסינאציע בשעת שוואנגערשאפט העלפט באשיצן דאס קינד בעפאר ער אדער זי איז גענוג אלט צו ווערן וואקסינירט. אויב א מאמע האט נישט באקומען די Tdap וואקסין ביים שוואנגערן, דארף זי דאס באקומען באלד נאכן געבורט.

**וואס קען ווערן געטון צו פארמיידן פערטאסיס פון זיך פארשפרייטן?**
די איינציגסטע אממערסטנס ווירקזאמער וועג צו פארמיידן פערטאסיס איז דורך פארזיכערן אז וואס מער מענטשן אין די קאמיוניטי עס איז נאר מעגליך זאלן וואקסינירט ווערן.

אנטיביאטיקס קענען פארקירצן די צייט וואס מענטשן זענען אנשטעקיג. מענטשן וואס האבן פערטאסיס דארפן אוועקשטיין פון יונגע קינדער און פיצלעך ביז זיי זענען באהאנדלט געווארן. מענטשן וואס זענען אין נאענטע בארירונג מיט אן אנגעשטעקטער מענטש דארפן מעגליך באקומען אנטיביאטיקס (פארמיידונגס מיטל נאכן זיין אויסגעשטעלט) כדי זיי צו פארמיידן פון ווערן קראנק און פארשפרייטן די קראנקהייט.

**פאר מער אינפארמאציע איבער וואו איר אדער אייער קינד קען ווערן וואקסינירט, רופט 311.**

לעצט אפדעיטעד: מאי 22, 2015